גליון 179
תצוה תשפ"ד



# דעם רבינ'ס מעשיות

לעידוד וחיזוק הלימוד והחזרה
בספה"ק סיפורי מעשיות משנים קדמוניות
שסיפר רבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זיע"א

## דעם רבינ'ס משלים

### דֶער פוֹיגְל אוּן דִי אֵייעֶר

**אַ שֵׁיינֶעם מָשָׁל הָאט ר' נָתָן גֶעהֶערְט נָאכְזָאגְן פוּן רֶבִּי'ן.**

עֶס אִיז פַארְהַאן אַזַא סָארְט פֵייגְל, וָואס לֵייגְט גָאר אַסַאךְ אֵייעֶר, אַז עֶס אִיז אִיר מֶער נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ קֶענֶען זִיצְן אוֹיף אִירֶע אֵייגֶענֶע אֵייעֶר, עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן דֶעם פֵייגֶעלֶעך. הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אִיר אַ טֶבַע, אַז זִי גֵייט שְׁטִילֶערְהֵייט אוּן וַוארְפְט אַרַיין אִין פְרֶעמְדֶע נֶעסְטְן אִירֶע אֵייעֶר, זִי גֵייט פוּן אֵיין נֶעסְט צוּם צְוֵוייטְן אַרַיינְוַוארְפְן אַן אַיי, וֶוען דִי מַאמֶע פוּן דִי נֶעסְט וֵוייסְט גָארְנִישְׁט אַז זִי זִיצְט אוֹיף אַ פְרֶעמְדֶע אַיי, בִּיז עֶס קוּמֶען אַרוֹיס פוּן זֵיי פֵייגֶעלֶעך.

אוֹיךְ דִי פֵייגְל פוּן וֶועמֶען מִיר דֶערְצֵיילְן יֶעצְט, זֶעצְט זִיךְ אוֹיף אִירֶע פַארְבְּלִיבֶּענֶע אֵייעֶר אוּן עֶס קוּמֶען אַרוֹיס דִי פֵייגֶעלֶעך אוּן דַאן פְלִיעֶט זִיךְ מִיט אִירֶע נַיי גֶעבּוֹירֶענֶע פֵייגֶעלֶעךְ אוּן הֵייבְּט אָן פַייפְן אוּן קְוִויטְשֶׁקֶען, אַז דִי פֵייגֶעלֶעך וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן בַּיי דִי פְרֶעמְדֶע נֶעסְטְן הֶערְן דִי קוֹלוֹת אוּן דֶערְקֶענֶען דָאס קוֹל פוּן דִי מַאמֶע אוּן קוּמֶען גְלַייךְ צוּ דִי פוֹיגְל פוּן וֶועמֶען זֵיי זֶענֶען בֶּאֱמֶת גֶעבּוֹירְן אוּן גֵייעֶן צוּרִיק צוּ אִיר.

**דֶער נִמְשָׁל קֶען מֶען אַבִּיסְל פַארְשְׁטֵיין וֶוער עֶס פַארְשְׁטֵייט עֶפֶּעס אַ רֶמֶז אִיבֶּער דֶער גְרוֹיסֶער עֵסֶק פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס פִירוּנְג מִיט דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דֶער וֶועלְט.**

(חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן תר"ג)



## מַעֲשֶׂה ט' - פוּן דֶער חָכָם מִיטְן תָּם (7)

**זֶענֶען זַיי** אַזוֹי אוֹיסִין גִיוֶוען אוֹיף דֶער וֶועלְט בִּיז סֶע אִיז אוֹיסְגִיקוּמֶען. אַז זַיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ דֶער שְׁטָאט וָואס דָארְט וואוֹינְט דֶער **מִינִיסְטֶער** הַנַ"ל (דְהַיְינוּ דֶער תָּם זַיין חָבֵר פוּן דֶעם חָכָם כַּנַ"ל)

**אוּן דָארְט** אִין דֶער שְׁטָאט אִיז גִיוֶוען אֵיין **אֱמֶתִיר בַּעַל שֵׁם**. אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם אִיז **זֵייעֶר חָשׁוּב גִיוֶוען**. וָוארִין עֶר הָאט גִיטָאן ווִילְדֶע זַאכִין בֶּאֱמֶת אוּן אֲפִילוּ צְוִוישְׁן דִי שְׂרָרוֹת אִיז עֶר גִיוֶוען אַ מְפוּרְסָם אוּן אִיז **בַּיי זַיי חָשׁוּב גִיוֶוען**.

**אוּן דִי חֲכָמִים** זֶענֶען גִיקוּמֶען אִין דֶער שְׁטָאט אַרַיין. אוּן זַיי זֶענֶען אַרוּם גִיגַאנְגֶען. אוּן זֶענֶען אָנְגִיקוּמֶען פַאר דֶער שְׁטוּבּ פוּן דֶעם **בַּעַל שֵׁם** הָאבִּין זַיי גִיזֶעהְן סֶע שְׁטֵייט דָארְט אַסַאךְ וֶועגֶעלִיךְ מִיט חוֹלִיים. פֶערְצִיג אָבֶער פוּפְצִיג.

**הָאט דֶער חָכָם גִימֵיינְט**. אַז דָארְט וואוֹינְט אַ דָאקְטֶאר. הָאט עֶר גִיוָואלְט צוּ אִים אַרַיין גֵיין. מַחְמַת עֶר אִיז זִיךְ אוֹיךְ גִיוֶוען אֵיין גְרוֹיסֶער דָאקְטֶאר. הָאט עֶר גִיוָואלְט אַרַיין גֵיין. עֶר זָאל זִיךְ מִיט אִים דֶערְקֶענֶען.

**הָאט עֶר גִפְרֶעגְט** וֶוער וואוֹינְט דָא. הָאט מֶען אִים גִיעֶנְפֶערְט. **אַ בַּעַל שֵׁם**. הָאט עֶר גִיטָאן אַ גְרוֹיס גִילֶעכְטֶער. אוּן הָאט גִיזָאגְט צוּם אַנְדֶערְן (דְהַיְינוּ צוּם חָכָם דֶער שְׁלִיחַ) דָאס אִיז נָאךְ אַ לִיגְן אוּן אַ נַארִישְׁקֵייט. דָאס אִיז נָאךְ מֶער נַארִישְׁקֵייט אֵיידֶער דֶער טָעוּת פוּן דֶעם מֶלֶךְ.

**בְּרוּדֶער** אִיךְ וֶועל דִיר דֶערְצֵיילִין דָאס פַאלְשְׁקֵייט. וִוי אַזוֹי דִי וֶועלְט אִיז אִין טָעוּת אוּן אַזוֹי אַלִיגְן.

**דֶערְוַוייל** זֶענֶען זַיי הוּנְגֶערִיק גִיוֶוען. הָאבִּין זַיי בַּיי זִיךְ נָאךְ גִיפוּנֶען דְרַיי פִּיר גְרָאשְׁן. זֶענֶען זַיי גִיגַאנְגֶען אִין דֶער גָאר קֶעךְ אַרַיין. אוּן דָארְט קְרִיגְט מֶען עֶסְן אֲפִילוּ פַאר דְרַיי פִּיר גְרָאשְׁן. אוּן הָאבְּן זִיךְ גִיהֵייסְן גִיבְּן עֶסְן. הָאט מֶען זַיי גִיגִיבְּן.

**דֶערְוַוייל** וִוי זַיי הָאבְּן גִיגֶעסְן. הָאבְּן זַיי גִישְׁמוּסְט. אוּן הָאבְּן גִישְׁפֶּעט פוּן דֶעם לִיגְן אוּן פוּן דֶעם טָעוּת פוּן דֶעם **בַּעַל שֵׁם**. (וִוי דִי וֶועלְט אִיז זִיךְ טוֹעֶה)

**אוּן דֶער גָאר קֶעכֶער** הָאט גִיהֶערְט זֵייעֶרֶע רֵייד. הָאט עֶס אִים זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן וָוארְן דֶער **בַּעַל שֵׁם אִיז דָארְט זֵייעֶר חָשׁוּב גִיוֶוען**.

**הָאט עֶר צוּ זַיי גִיזָאגְט**. עֶסְט אַייךְ אָפּ וָואס אִיר הָאט אוּן גֵייט אַייךְ אַרוֹיס פוּן דַאנֶעט.

**נָאךְ דֶעם** אִיז אָנְגִיקוּמֶען אַהִין. **אַ זוּן פוּן דֶעם בַּעַל שֵׁם**. אוּן זַיי הָאבְּן נָאךְ גִישְׁפֶּעט פוּן דֶעם **בַּעַל שֵׁם** דֶעם זוּן אִין דִי אוֹיגְן. הָאט זַיי דֶער גָאר קֶעכֶער אָנְגִישְׁרִיגְן נָאךְ וָואס זַיי שְׁפֶּעטְן פוּן דֶעם **בַּעַל שֵׁם** דֶעם זוּן אִין דִי אוֹיגְן.

**בִּיז דֶער גָאר קֶעכֶער**. הָאט זַיי גִישְׁלָאגְן גַאנְץ שְׁטַארְק. אוּן הָאט זַיי אַרוֹיס גִישְׁטוּפְּט פוּן זַיין שְׁטוּבּ.

**הָאט עֶס זַיי זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן**. הָאבְּן זַיי גִיוָואלְט זוּכְן אַ מִשְׁפָּט אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט זַיי גִישְׁלָאגְן.

**הָאבְּן זַיי זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען**. זַיי וֶועלְן גֵיין צוּ זֵייעֶר בַּעַל הַבַּיִת. וָואס זַיי הָאבְּן דָארְט אָפְּגִילֵייגְט זֵייעֶרֶע פֶּעקְלֶעךְ. זַיי זָאלְן מִיט אִים אֵיין עֵצָה הַאלְטְן. וִוי אַזוֹי זַיי זָאלְן דֶערְלַאנְגֶען אַ מִשְׁפָּט אוֹיף דֶעם גָאר קֶעכֶער וָואס עֶר הָאט זַיי גִישְׁלָאגְן.

**זֶענֶען זַיי גִיגַאנְגֶען** אוּן הָאבְּן זֵייעֶר בַּעַל הַבַּיִת דָאס דֶערְצֵיילְט אַז דֶער גָאר קֶעכֶער הָאט זֵי זֵייעֶר גִישְׁלָאגְן. הָאט עֶר זַיי גִיפְרֶעגְט. פַארְוָואס. הָאבְּן זַיי אִים דֶערְצֵיילְט. וַוייל זַיי הָאבְּן גִירֶעט אוֹיף דֶעם **בַּעַל שֵׁם**.

**הָאט זַיי דֶער בַּעַל הַבַּיִת גִיעֶנְפֶערְט**. סֶע אִיז אַוַודְאַי קֵיין יוֹשֶׁר נִיט אַז מֶען זָאל שְׁלָאגְן מֶענְשְׁן. לוּשְׁמִיר אִיר הָאט

אָבֶער גָאר נִיט רֶעכְט גִיטָאן. נָאךְ וָואס הָאט אִיר גִירֶעט אוֹיף דֶעם **בַּעַל שֵׁם**. וָוארְן דֶער בַּעַל שֵׁם אִיז דָא זֵייעֶר חָשׁוּב. הָאבְּן זֵיי גִיזֶעהְן אַז עֶר אִיז אוֹיךְ אִין טָעוּת.

**זֶענֶען זֵיי פוּן אִים אַוֶועק גִיגַאנְגֶען.** אוּן זֶענֶען גִיגַאנְגֶען צוּם פָּקִיד. אוּן דֶער פָּקִיד אִיז גִיוֶוען אַ גוֹי. הָאבְּן זֵיי אִים דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה אַז מֶען הָאט זֵיי גִישְׁלָאגֶען.

**הָאט עֶר גִיפְרֶעגְט.** פַּארְוָואס. הָאבְּן זֵי גִיזָאגְט. וַוייל זֵיי הָאבְּן גִירֶעט אוֹיף דֶעם **בַּעַל שֵׁם.** הָאט זֵיי דֶער פָּקִיד אוֹיךְ גִיהַרְגֶעט גִישְׁלָאגְן. אוּן הָאט זֵיי אַרוֹיס גִישְׁטוּפְּט.

**זֶענֶען זֵיי פוּן אִים אַוֶועק גִיגַאנְגֶען.** אוּן זֶענֶען גִיגַאנְגֶען צוּ אֵיין הֶעכֶערְן וָואס הָאט צוּ שַׁאפְן. אוּן הָאבְּן אַלְץ נִיט גִיפּוֹעֶלְט קֵיין מִשְׁפָּט.

**אוּן זֶענֶען** אַזוֹי' אַלְץ גִיגַאנְגֶען פוּן אֵיינֶעם צוּם אַנְדֶערְן. אַלֶע מָאל צוּ אֵיין הֶעכֶערְן (אוּן הָאבְּן אַלְץ נִיט גִיפּוֹעֶלְט נָאר מֶען הָאט זֵיי גוּט גִישְׁלָאגְן אַלֶע מָאל)

**בִּיז זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען פַאר דֶעם מִינִיסְטֶער** (דָאס אִיז גִיוֶוען דֶער תָּם כַּנַ"ל) אוּן דָארְט פַאר דֶעם מִינִיסְטֶער זֶענֶען גִישְׁטַאנֶען וַואכְן. הָאט מֶען גִימֶעלְדֶעוֶועט פַאר דֶעם מִינִיסְטֶער. אַז אַ מֶענְשׁ בַּאדַארְף צוּ אִים. הָאט עֶר גִיהֵייסְן אַז עֶר זָאל אַרַיין גֵיין.

**אִיז דֶער חָכָם גִיקוּמֶען פַאר דֶעם מִינִיסְטֶער** וִוי עֶר אִיז אַרַיין גִיקוּמֶען. הָאט אִים דֶער מִינִיסְטֶער תֵּיכֶף דֶערְקֶענְט אַז דָאס אִיז דֶער חָכָם זַיין חָבֵר. אוּן דֶער חָכָם הָאט אִים נִיט דֶערְקֶענְט. מַחְמַת עֶר אִיז הַיינְט אִין אַזוֹי' גְדוּלָה.

**הָאט תֵּיכֶף דֶער מִינִיסְטֶער** אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ אִים צוּ רֵיידְן. אוּן עֶר הָאט צוּ אִים גִיזָאגְט: זֶעה. צוּם וָואס. מַיין **תְּמִימוּת. הָאט מִיךְ גִיבְּרַאכְט** צוּ אַזוֹי' אֵיין **גְדוּלָה.** אוּן צוּ וָואס. **דַיין חָכְמָה. הָאט דִיךְ גִיבְּרַאכְט.**

**הָאט זִיךְ דֶער חָכָם אָנְגִירוּפְן** אוּן הָאט גִיזָאגְט. אַז דוּ בִּיסְט דָאס. מַיין חָבֵר דֶער **תָּם.** דֶערְפוּן וֶועלְן מִיר שְׁפֶּעטֶער שְׁמוּסְן.

**לְעֵת עַתָּה.** גִיב מִיר אַ מִשְׁפָּט. נָאךְ וָואס מֶען הָאט מִיךְ גִישְׁלָאגְן. פְרֶעגְט עֶר אִים. פַארְוָואס הָאט מֶען דִיךְ גִישְׁלָאגְן. עֶנְפֶערְט עֶר אִים. הָאט וַוייל אִיךְ הָאבּ גִירֶעט אוֹיף דֶעם **בַּעַל שֵׁם.** וָואס עֶר אִיז אַ לִיגְנֶער. אוּן דָאס אִיז גָאר אַ שְׁווִינְדְל.

**רוּפְט זִיךְ אָן דֶער תָּם** דֶער **מִינִיסְטֶער** צוּ אִים. נָאךְ הַאלְסְטוּ דִיךְ אִין דַיינֶע חָכְמוֹת. זֶעה דוּ הָאסְט גִיזָאגְט. אַז דוּ קָאנְסְט אוֹיף מַיינֶעם קוּמֶען גָאר גְרִינְג. אוּן אִיךְ וֶועל אוֹיף דַיינֶעם נִישְׁט קָאנֶען קוּמֶען **הַיינְט** זֶעה. אַז אִיךְ בִּין אוֹיף **דַיינֶעם שׁוֹין לַאנְג גִיקוּמֶען.** (וָוארְן דֶער תָּם אִיז זִיךְ שׁוֹין גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶער חָכָם אוֹיךְ כַּנַ"ל) אוּן דוּ בִּיסְט נָאךְ נִיט גִיקוּמֶען אוֹיף מַיינֶעם.

**אוּן אִיךְ זֶעה** אַז דָאס אִיז שְׁוֶוערֶער. אַז דוּ זָאלְסְט קוּמֶען אוֹיף **מַיין תְּמִימוּת.**

**אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן פָּארְט.** וַוייל דֶער **תָּם** דֶער **מִינִיסְטֶער** הָאט אִים גִיקֶענְט פוּן לַאנְג אַז עֶר אִיז אַמָאל גְרוֹיס גִיוֶוען. הָאט עֶר אִים גִיהֵייסְן גִיבְּן קְלֵיידֶער אַז מֶען זָאל אִים אָן טָאן. אוּן הָאט אִים גִיבֶּעטְן אַז עֶר זָאל מִיט אִים עֶסְן.

**בְּשַׁעַת עֶסְן.** הָאבְּן זֵיי אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּסְן. הָאט אָנְגִיהוֹיבְּן דֶער חָכָם אִים צוּ דְרִינְגֶען זַיין (נֵייעַרְשֶׁע) דֶעָה אַז סֶע אִיז גָאר קֵיין מֶלֶךְ נִיט דָא.

**הָאט אוֹיף אִים דֶער תָּם** דֶער מִינִיסְטֶער **אַ גִישְׁרֵיי גִיטָאן.** וָואס זָאגְסְטוּ. אִיךְ אַלֵיין הָאבּ זִיךְ **גִיזֶעהְן דֶעם מֶלֶךְ.**

**עֶנְפֶערְט אִים דֶער חָכָם מִיט גִילֶעכְטֶער.** דוּ וֵויסְט אַלֵיין אַז דָאס אִיז גִיוֶוען דֶער מֶלֶךְ. דוּ קֶענְסְט אִים. דוּ הָאסְט גִיקֶענְט זַיין טַאטְן זַיין זֵיידְן אַז זֵיי זֶענֶען גִיוֶוען מְלָכִים. פוּן וַואנֶעט וֵוייסְטוּ אַז דָאס אִיז גִיוֶוען דֶער מֶלֶךְ. מֶענְשְׁן הָאבְּן דִיר גִיזָאגְט אַז דָאס אִיז דֶער מֶלֶךְ. זֵיי הָאבְּן דִיךְ אָפְּגִינַאיְרְט.

**הָאט דָאס דֶער תָּם** זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן. אוֹיף דֶעם וָואס עֶר לֵייקְנְט אִין דֶעם מֶלֶךְ.

# לאמיר זיין פארהערן

נאמען: ____________



?

## די נייינטע מעשה - דער חכם און דער תם (7)

**א. צו וועלכע שטאט זענען די חכמים אן געקומען אין זייער וועג?**
- ☐ אין די שטאט וואס דער חכם איז געבוירן
- ☐ אין די שטאט וואס דער תם וואוינט דארט.
- ☐ אין די שטאט וואס דער מלך וואוינט דארט.

**ב. וואס האבן די חכמים געזען אין פארנט פון דער בעל שם'ס שטוב ?**
- ☐ גרויסע הייליגע צדיקים.
- ☐ דער תם האט דארטן געווארט אויף אים.
- ☐ אסאך וועגעלעך מיט חולים.

**ג. פארוואס האט דער חכם געוואלט אריין גיין צו דעם בעל שם?**
- ☐ ווייל ער האט געוואלט א ברכה פון צדיק.
- ☐ ווייל ער האט געוואלט מוכיח זיין פארן בעל שם אז עס איז נישטא קיין מלך אויף דער וועלט.
- ☐ ווייל ער האט געמיינט אז דארט וואוינט א דאקטער, און ער האט געוואלט זיך מיט אים דערקענענ.

**ד. וואס האבן די חכמים געטאן אין גאר קעך (בית התבשיל)?**
- ☐ זיי האבן געשפעט פן דעם אז עס איז דא א מלך.
- ☐ זיי האבן געשפעט פן דעם בעל שם.
- ☐ זיי האבן געבעטן אסאך עסן.

**ה. וואס האט זיי געזאגט דער גאר קעכער?**
- ☐ זיי זאלן שנעל ארויס גיין פון גאר קעך.
- ☐ עסט אייך אפ און גייט ארויס פון דאנט.
- ☐ מען טאר נישט רעדן אינמיטן עסן.

**ו. וואס האט זיי דער גאר קעכער געטאן נאך ווען דער זון פון דער בעל שם איז אריין געקומען?**
- ☐ ער האט זיי געשלאגן גאנץ שטארק.
- ☐ ער האט זיי ארויס געשטופט פון זיין שטוב.
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ז. וואס האט דער פקיד (דער גוי) געטאן פאר די חכמים אויף דעם וואס זיי האבן גערעדט אויפן בעל שם?**
- ☐ ער האט זיי געשלאגן גאנץ שטארק.
- ☐ ער האט זיי ארויס געשטופט פון זיין שטוב.
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ח. וואס האט דער תם (דער מיניסטיר) געזאגט צום חכם ווען ער איז געקומען צו אים ?**
- ☐ זעה צו וואס מיין תמימות האט מיך געבראכט צו אזא גדולה.
- ☐ זעה צו וואס דיין חכמה האט דיך געבראכט.
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ט. וואס לערנסטו זיך דערוויל פון די מעשה?**
- ☐ אז תמימות ברענגט א מענטשן צו אזא גדולה.
- ☐ אז חכמות ברענגט א מענטשן צו עניות.
- ☐ ____________.

**י. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ☐ יא
- ☐ ניין
- ☐ א חלק

**מַיין תְּמִימוּת. הָאט מִיךְ גִיבְּרַאכְט צוּ אַזוֹי אֵיין גְדוּלָה**



## טיפער געטראכט

**אוואו זעט מען ביי די מעשה אז דער תם האט רחמנות געהאט אויפן חכם, - און אוואו זעט מען ביי די פרעדיגע וואכן אז דער חכם האט רחמנות געהאט אויפן תם ?**

**מה היה ההבדל בין מה שעשה הבעל גאר קעך לחכמים - לבין מה שעשה הפקיד העכו"ם לחכמים ?**

## תשובות אויף די מעשה פון דער חכם מיטן תם (6)

**וועלכע מידה האט דעם חכם זיך געפירט כדי צו באווייזן אז עס איז נישטא קיין מלך** (ח"ו)**?** מיט מעה פסולה

**וויפל מאל האט דער חכם מוכיח געווען אז עס איז נישטא קיין מלך** (ח"ו) **??** 4 מאל

**דעם רבינ'ס מעשיות**

לְהִתְוַדַּע וּלְהִגָּלוֹת אַז אִיטְלֶעכְס וָוארְט וָואס דָא שְׁטֵייט אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, אִיז ׳קוֹדֶשׁ־קָדָשִׁים׳, לוֹטֶער ׳סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה׳. מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען: ״אַז דָאס זֶענֶען חַס־וְשָׁלוֹם פְּרָאסְטֶע מַעֲשִׂיוֹת״!

צו ענטפערן בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5333372 צו באקומען דעם גליון אין מייל- m025345040@gmail.com